# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ואתחנן תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 494



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### תפילה ווי א מתנת חינם

"וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" (ג כג)

רש"י (ע"פ דב"ר ב א) טייטש אז דער ווארט 'ואתחנן' באדייט א געבעהט פון א 'מתנת חינם', און פון דא לערנען מיר אז: "אף על פי שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים, אין מבקשים מאת המקום, אלא מתנת חנם".

פון די ווערטער פון רש"י זעהט אויס אז א מענטש קען בעהטן אין זכות פון זיינע מעשים טובים, לכאורה איז זייער שווער אזוי צו זאגן, ווייל פון דער לשון הפסוק (איוב מא ג): "מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם", דרש'ענען חז"ל (ויק"ר כז ב): "מי קילס לפני עד שלא נתתי לו נשמה?! מי מל לשמי עד שלא נתתי לו בן זכר?! מי עשה לי מעקה עד שלא נתתי לו גג?! מי עשה לי מזוזה עד שלא נתתי לו בית...?!", דאס זאגט אונז, אז עס איז נישט פארהאן א מענטש וואס קען אנהענגען אין זכות פון זיינע מעשים טובים, ווייל אויף יעדע גוטע זאך וואס ער האט געטוהן, האט דער אויבערשטער פריער געטוהן מיט אים א חסד?

ערקלערט דער **'שפת אמת'**:

רש"י מיינט נישט צו זאגן אז די צדיקים קענען אנהענגען זייער בקשה אין די שכר וואס קומט זיי אויף זייערע מעשים טובים, נאר זיי קענען בעהטן זיי זאלן באקומען א "מתנה" לפנים משורת הדין צוליב זייערע מעשים טובים, אזוי ווי א מתנה וואס ווערט געגעבן ווי א הכרת הטוב צוליב די הנאה וואס דער נותן האט געהאט פון דעם מקבל (ראה מגילה כו ב). דאך האט משה נישט געבעהטן אפילו אזא מתנה, נאר א "**מתנת חנם**", אזוי ווי עס הייסט, אינגאנצן אומזינסט אן קיין שום סיבה.

'ספר הזכות' ליקוטים

### זמן תורה לחוד און זמן תפילה לחוד

"וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ" (ו ז)

די חיוב פון לימוד התורה, טראץ עס איז א גאנצן טאג, דאך בשעת'ן דאווענען מעג מען נישט לערנען, ווייל אין דער צייט דארף ער טראכטן נאר פון דאווענען און ענטפערן אמן. און אויף דעם שרייבט דער **'ראשית חכמה'** (שער הקדושה פרק יד) אז דאס איז די כוונה פון חז"ל וואס זאגן (ברכות יז א): "אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו", צו זאגן: וואויל איז פאר דער וואס שטייגט און פלאגט זיך אין תורה אין דער צייט וואס ער טוהט מיט דעם א נחת רוח ליוצרו, און נישט בשעת'ן דאווענען וואס דעמאלטס "גלוסט נישט הקדוש ברוך הוא אין זיין תורה".

דער ראשון לציון **רבי חיים ניסים אבולעפיה** טייטש מיט דעם די גמרא (ברכות ה א): "אם רואה אדם שיסורים באים עליו, יפשפש במעשיו... פשפש ולא מצא, יתלה בבטול תורה"; דער וואס ליידט יסורים און נאכן מפשפש זיין אין זיינע מעשים טרעפט ער נישט א זינד ער זאל קענען אנהענגען אין דעם די יסורים, זאל ער עס אנהענגען אין דעם וואס ער האט נישט מבטל געווען פון צו לערנען אין דער צייט וואס ער האט געדארפט מבטל זיין, ד.מ. בשעת'ן דאווענען ווען ער האט געדארפט צוהערן צו חזרת הש"ץ און ענטפערן אמן. און רבי חנ"א - מיט זיין מדת הענוה - פירט אויס: "איך האב נאכגעקוקט מיינע מעשים און איך האב געזעהן אז די יסורים וואס קומען אויף מיר זענען צוליב דער זינד".

און אזוי האט גע'פסק'נט בעל **'דרך אמונה'**: "דער וואס לערנט אדער ער איז מעביר סדרה אין די צייט פון חזרת הש"ץ און קדיש, נישט נאר אז ער וועט נישט באקומען שכר, נאר ער וועט באקומען דערויף א שטראף... און עס קען זיין אז אפילו בדיעבד האט ער נישט יוצא געווען די חוב פון זאגן שנים מקרא ואחד תרגום".

'ראשית חכמה' שער הקדושה פרק יד; 'פתח הדביר' או"ח ח"ב רלו ה; 'ארחות יושר' קצת דיני תפילה (בסוף הספר) אות כח

## פתחו שערים

די ווארט פונעם
גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### מיר ווען זיך שטארקן אין 'אמן' און מיט אמונה

אין דעם פריערדיגן ארטיקל האבן מיר ארום געשמועסט איבער די אמונה און האפענונג אויף ביאת המשיח וואס איז איינגעווארצלט אין אונז דורכ'ן ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די גאולה. אין דעם ארטיקל וועלן מיר צולייגן און פארברייטערן אז ענטפערן אמן טוהט איינווארצלען אין אונז אלע דרייצן עיקרי האמונה.

די יסודות פון די אידישע אמונה זענען איינגעפלאנצט אין אונזער פרשה, אין די צוויי דברות "אנכי" און "לא יהיה לך", און אירע צווייגן צושפרייטן זיך אויף י"ג עיקרים, וואס זענען דער יסוד און שורש פון קיום התורה והמצוות.

די שטענדיגע התחזקות אין אמונה איז א וויכטיגע פליכט אין א אידישע לעבן. דאס געבט כח צו קענען שטיין פעסט אקעגן די בייזע כוואליעס פון נסיונות און שוועריקייטן וואס דראען אויף אונזער רוחניות און גשמיות. נישט אומזינסט בעהט זיך ביי אונז דער רמב"ם (פירוש המשנה לסנהדרין, הקדמה לפרק חלק) נאכן אויסרעכענען די דרייצן עיקרי האמונה: "זאג איבער אסאך מאל די ווערטער און זיי דיך גוט מתבונן אין זיי".

עס זעהט אויס אז פונקט אויף דעם איז אוועקגעשטעלט געווארן די מצוה פון ענטפערן 'אמן'! דאס איז נישט מיינ'ס א חידוש, נאר אפענע און קלארע ווערטער וואס זענען געשריבן געווארן מיטן פעדער פון רבנו בחיי אין זיין באקאנטן פירוש אויפן פסוק (שמות יד לא): "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" - "ווייל די אמונה איז דער יסוד פון כל התורה כולה האבן רבותינו זכרונם לברכה מתקן געווען ביים דאווענען און ביי ברכות ענטפערן אמן, וואס איז א לשון פון אמונה...". אויך דער 'מגלה עמוקות' וואס דעם קומענדיגן דינסטאג וועט זיין דריי הונדערט און ניינציג יאר פון זיין פטירה שרייבט (פרשת האזינו) אז דער 'עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן'.

אונזער התחזקות אין די עיקרי אמונה הייבט זיך אן מיט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא; מיט'ן ענטפערן 'אמן' נאך זיי רופן מיר אויס אונזער אמונה אין דעם אז דער באשעפער פירט אונז מיט א שטענדיגע השגחה פרטית, וואס ווערט אויסגעדריקט אין די כח פון זעהן, אין די מעגליכקייט צו באוועגן אונזערע גלידער און אין אלעס גוט'ס וואס מיר באקומען יעדן טאג. עס איז ממשיך מיט די ברכות ביים דאווענען, וואס מיטן אכטונג געבן מען זאל צוהערן די ברכות און ענטפערן נאך זיי אמן אזוי ווי די הלכה איז, טוהן מיר באפעסטיגן אונזער אמונה אין שכר ועונש, אין תורה מן השמים, אין די רייד פון די נביאים, אין די הבטחות פון די צוקונפטיגע גאולה און אין אלע פרינציפן וואס ווערן דערמאנט ביים דאווענען. עס איז מעגליך אז דערפאר האט מען מתקן געווען זאגן די י"ג עיקרים באלד נאכן דאווענען, ווייל ס'איז נישטא מער א פאסיגע צייט זיך צו מחזק זיין אין די עיקרי האמונה ווי די צייט, נאכן ענטפערן אמן לויט די סדר התפלה.

א דאנק די טויזנטער און צענדליגער טויזנטער אמן'ס וואס מיר ענטפערן, ווערט די אמונה מיט אלע אירע איינצלהייטן א טייל פון אונזער קערפער, און ווי א דירעקטער רעזולטאט פון דעם שטארקט זיך אונזער כח צו קענען ביישטיין די נסיונות פון די תקופה און בלייבן שטענדיג דבוק אין ה' יתברך אין יעדער צייט און אין יעדע סיטואציע.

מיר וועלן אנהאלטן צו ענטפערן אמן אויף אלע ברכות פון 'ברכות השחר' און איבער דעם גאנצן טאג, און אזוי וועלן מיר קענען אויפדעקן די ריינע אמונה וואס איז באהאלטן אין די טיפענישן פון הארץ, וואס דאס איז אונזער כבוד און שטאלץ.

מיט א רוף: "דער עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין אמן"

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# קיכלעך באדעקט מיט תפילות

רבי נתן נטע שפירא זי"ע, וועלכער איז באקאנט מיטן נאמען פון זיין ספר 'מגלה עמוקות', האט געדינט אלס רב אין די שטאט קראקא. די שעצונג פון די קהילה מיטגלידער צו אים איז געווען אן קיין גרעניץ, אלע האבן באוואונדערט זיין אויסטערלישע גדלות אין תורה הנגלה והנסתר, דעריבער איז נישט קיין וואונדער ווי גרויס איז געווען זייער שאק ווי א דונער אינמיטן א העלן טאג הערנדיג די נייעס: "דער 'מגלה עמוקות' גייט פארלאזן קראקא".

"וואס איז געשען???", זענען די ראשי הקהילה דערשראקן געווארן, "פארוואס וויל דער רב אונז פארלאזן?", האבן אלע מיטגלידער פון דער קהילה אויסגעדריקט זייער וואונדער. אבער דער רב וואס האט באשטעטיגט די נייעס האט זיך ארומגענומען אין א פארהאנג פון שטילקייט און גארנישט ערקלערט.

אין אנהויב האבן זיי פרובירט אים באאיינפלוסן, אבער ווען די ראשי הקהילה האבן איינגעזען אז מען קען נישט ענדערן די באשלוס, האבן זיי אפגעמאכט כאטש ארגאניזירן א מכובד'יגע 'געזעגענונג פארטי'. אלע מיטגלידער פון די קהילה זענען געווען פארנומען מיטן צוגרייטן די סעודה, אבער פלוצים, עטליכע שעה איידער עס האט זיך געדארפט אנפאנגען, האט דער מגלה עמוקות געמאלדן, אז ער האט באשלאסן יא צו בלייבן אין שטאט.

די שאק איז געווען גרויס, די מקורבים האבן געבעטן א ערקלערונג, און דער מגלה עמוקות האט זיי דערציילט די סיבה פון זיין נייע באשלוס:



ר' אייזיק'ס שוהל' אין קראקא

"אין דעם לעצטן טאג פון צו זיין דא אין שטאט, עטליכע שעה איידער עס האט זיך געזאלט אנפאנגען די געזעגענונג פארטי וואס איר האט ארגאניזירט לכבוד מיר, זענען געקומען צו מיר מיט א איבערראשונג ר' זלמן דער גרויסער עושר, און רבי ראובן דער באקאנטער למדן און מתמיד. ר' זלמן דער עשיר האט געפאדערט רבי ראובן דעם למדן צו א דין תורה. און ווען איך האב געהערט אויף וואס איז זייער וויכוח, בין איך דערשטוינט געווארן.

רבי ראובן, דער תלמיד חכם וואס האט א געבענטשטע פאמיליע, איז לעצטנ'ס אנגעקומען צו א שווערע פינאנציעלע לאגע, און צוליב דעם האט ער געמוזט פארמאכן די גמרא אויף עטליכע שעה יעדן טאג כדי צו ברענגען ברויט פאר זיין משפחה. יעדער וואס איז אריבער אין די לעצטע מאנאטן אין מארק, האט געקענט זעהן ווי ער שטייט נעבן א וואגן פול מיט קיכלעך, און ער רופט פאר יעדער פארבייגייער צו קויפן פון זיינע סחורה.

אין אינדערפרי איז ר' זלמן אדורך געפארן מיט זיין שיינעם וואגן, און ווען ער האט געהערט ווי רבי ראובן רופט אויס אז ער האט צו פארקויפן קיכלעך, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן. ער האט אפגעשטעלט זיין וואגן און זיך געאיילט צו רבי ראובן'ען.

'זאג מיר, רבי ראובן, וויפיל שעות שטייסטו דא יעדן אינדערפרי?', האט ר' זלמן געפרעגט. 'ארום דריי שעה' - האט רבי ראובן געענטפערט מיט א טרויעריגן אויסדרוק אויפן פנים. 'און וויפיל פארדינסטו יעדן חודש?' - האט ר' זלמן ווייטער געפרעגט, "עפעס ווי הונדערט גאלדענע רענדלעך און אמאל אביסל מער" - האט ער געענטפערט.

ר' זלמן האט זיך אביסל פארטראכט, און דאן אים געזאגט: 'איך האב פאר דיר א געלונגענע פארשלאג, אויב דו וועסט פארמאכן דיין געשעפט און צוריק גיין אין בית המדרש, וועל איך דיר באצאלן יעדע חודש הונדערט און צוואנציג גאלדענע רענדלעך. איך וויל אז עס זאל זיין א 'יששכר וזבולון' אפמאך צווישן אונז; איר וועט לערנען א גאנצן טאג מיט מנוחת הנפש, אן קיין זארג פון פרנסה, און מיר וועלן זיך צוטיילן אין די זכותים'.

רבי ראובן האט נישט געדארפט אסאך טראכטן. אויפן ארט, האט ער פארמאכט זיין בודקע, און צוטיילט זיינע קיכלעך פאר יעדן, און גלייך דערנאך האט ער זיך געוואנדן אין בית המדרש אריין צו זיין באליבטע גמרא. אין לויף פון דעם גאנצן חודש איז ער געזיצן און געלערנט מיט מנוחת הנפש, און ווען עס איז אנגעקומען ראש חודש, האט א שליח געקלאפט אין דער טיר און אים דערלאנגט א הערליכער קאנווערט. אין דעם איז געווען הונדערט און צוואנציג גאלדענע רענדלעך.

דער עשיר האט באצאלט זיין טייל פון דער געשעפט, און האט ערווארטעט אז דער תלמיד חכם זאל ממשיך זיין אין זיין טייל פון דער געשעפט, אבער, אויפצומארגנ'ס, ווען ער איז אדורך די מארק האט ער באמערקט א באקאנטן פיגור, דאס איז נישט קיין אנדערער ווי רבי ראובן וועלכער איז דארט געשטאנען נעבן א פולע וואגן מיט קיכלעך און פארגעשלאגן זיין סחורה פאר יעדן פארבייגייער.

'רבי ראובן', האט דער עושר אויסגערופן מיט איבערראשונג, ווען ער גייט אראפ פון וואגן. 'וואס איז געשען? האט דער שליח דיר נישט איבערגעגעבן דעם קאנווערט?'. 'ער האט יא איבערגעגעבן', האט רבי ראובן געענטפערט מיט א רואיגן שטימע. 'איז וואס טוסטו דא?!' - האט דער עושר זיך גערעגט, 'דיין פלאץ איז דאך אין בית המדרש!'

'איך בין דא ווייל איך בין נישט אינטערעסירט אין דעם אפמאך' - האט דער תלמיד חכם געענטפערט טרוקן, און דאס האט אויפגעקאכט דעם גביר; 'מיט וואספארא רעכט צוברעכסטו דעם אפמאך אן מיין ערלויבעניש? מיר האבן דאך צווישן אונז געמאכט א געשעפט!'

די צוויי האבן באשלאסן צו קומען צו מיר און פרעגן מיין מיינונג; 'ווילסט נישט לערנען?', האב איך געפרעגט רבי ראובן'ען, 'זיכער וויל איך' - האט ער געענטפערט, 'אבער איך וויל צוריקציען פון די אפמאך, ווייל עס איז א 'מקח טעות'. 'פארוואס?' האב איך געפרעגט, און די ערציילונג וואס רבי ראובן האט מיך דערציילט, האט מיך זייער באנומען ביז צו טרערן:

'איך וועל ערקלערן פארן רב, אין דער צייט וואס איך האב פארקויפט מיינע קיכלעך, בין איך אויפגעשטאנען יעדע נאכט צו זאגן תיקון חצות, און דאן האב איך זיך געזעצט לערנען ביז ותיקין. ווען איך בין אהיים געקומען פון דאווענען, פלעגן מיר די גאנצע פאמיליע אנהייבן די קאמפליצירטע ארבעט פון צוגרייטן די קיכלעך.

מיר האבן אנגעהויבן מיט צעמאלן די ווייץ. דאס איז א שווערע און קאמפליצירטע ארבעט, און דערפאר בשעת מיר האבן געמאלן האבן מיר מתפלל געווען אויף איר הצלחה, א טייל דורך דאווענען און א טייל מיטן זאגן קאפיטלעך תהלים.

ביים ענדיגן מאלן די ווייץ זענען מיר פאר די ארבעט מיטן זיפן די מעהל, און ווידער האבן מיר געמוזט דאווענען, אז די זיפן זאל זיין מיט הצלחה און עס זאל חלילה נישט זיין קיין שטערונגען. ביי קנעטן האבן מיר געדאווענט אז דער טייג זאל ארויסקומען ווייך און זיך גוט אויפהייבן, ביי באקן האבן מיר געדאווענט אז די קיכלעך זאלן ארויסקומען גוט, און שפעטער האבן מיר געדאווענט עס זאלן קומען קונדן און עס זאל זיין א ברכה אין די געלט. די אלע תפילות זענען באגלייט געווארן מיט טרערן פון מיין ווייב און די טעכטער, און דאס גאנצע הויז איז געווארן אין די בחי' פון "כי ביתי בית תפילה..."

די ווענט פון דער הויז האבן אנגעזאפט אין איר די קאכעדיגע תפילות, און אדאנק דעם האבן די קינדער באקומען א שטארקן חינוך אויפן גאנצן לעבן - אז גארנישט קען זיך נישט רירן אן תפילה.

און אט יעצט, ס'איז שוין א גאנצער חודש וואס כאטש אונזער לעבן פארט רואיג, אבער אן קיין תפילות. מיר אלע פילן דעם מאנגל, און מיר קענען נישט מוותר זיין דערויף. אלס א טאטע, איז בעסער פאר מיר מוותר זיין אויף דעם גרויסן געהאלט, מער ווי אויף קרבת אלקים. עס איז בעסער פאר מיר צו זיין אנגעהאנגען אין די האנט פון דעם מלך מלכי המלכים ווען איך פיל א רוחניות'דיגן קשר, ווי צו לעבן אנגעלאנט אויפן טיש פון א גביר א בשר ודם, ווען איך בין רואיג, אבער דערווייטערט פון השי"ת'.

"רבי ראובן האט פארענדיגט זיינע ווערטער, און מיינע אויגן האבן געטרערט פון התרגשות", האט דער מגלה עמוקות פארענדיגט, "אין יענע מאמענט האב איך באשלאסן ביי מיר אין הארץ: אויב עס זענען דא אין קראקא אזעלכע אידן וואס האבן אזא אמונה און אזא קרבת אלוקים דורך תפילה, בלייב איך דא!".

'חשוקי חמד' ר"ה עמ' קסד בהערה

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## די כוונה פון אמן

### די לעצטע ברכות פון שמונה עשרה

**די דריי לעצטע ברכות פון שמונה עשרה ווערן אנגערופן 'ברכות הודאה' אדער 'ברכות פרידה'. און עס איז פאראן א חילוק צווישן זיי וואס מען דארף מכוון זיין בשעת'ן ענטפערן אמן: אויף די ברכה 'מודים' האט מען אינזין 'אמת', און אויף די ברכה 'רצה' און 'שים שלום' וואס זיי זענען בקשות און תפילות דארף מען אויך אינזין האבן 'יהי רצון'.**

מקורות וביאורים:

דער רמב"ם (תפילה א ד) שרייבט: "די דריי לעצטע ברכות - זענען א דאנק". לויט אים די כוונה פון די גמרא (ברכות לד א): "אחרונות - דומה לעבד שקבל פרס מרבו ונפטר והולך לו", איז צו זאגן אז דער וואס דאוונט דאנקט יעצט פאר הקב"ה אויף דעם וואס ער האט אנגענומען זיין תפילה, און ענליך צו דעם שרייבט דער טור (או"ח קיב): "אחרונות למה הן דומים? לעבד שקיבל פרס מרבו שמשבחו והולך לו".

אבער דער וואס איז זיך מתבונן וועט זעהן אז פון די דריי לעצטע ברכות איז נאר 'מודים' א דאנק. ערקלערט דער רדב"ז (שו"ת ח"ח סי' טו) אז די ברכה 'מודים' איז די הויפט פון די לעצטע ברכות, און די צוויי צוגעלייגטע ברכות - 'רצה' פון פריער און 'שים שלום' פון נאכדעם - האט מען מתקן געווען אגב די ברכה 'מודים' און ווערן גערעכנט ווי א טייל פון די ברכה.

אבער רש"י (ברכות שם ד"ה ונפטר) טייטש די רייד פון די חכמים: "אחרונות - דומה לעבד שקבל פרס מרבו ונפטר והולך לו", אז ביים ענדע דאווענען בעהט דער מתפלל רשות פון הקב"ה ער זאל קענען גיין. אין 'ספר הבתים' (ספר מצוה פרק יג) לייגט ער צו אז ווען דער קנעכט געזעגנט זיך פון זיין האר, איז אין די געזעגענונג'ס רייד לייגט ער אריין די זאכן וואס זענען אים זייער וויכטיג, און דערפאר זענען אין די לעצטע ברכות אריינגערעכנט "די זאכן וואס זענען זייער וויכטיג פאר כלל ישראל". און זעה אין תוספות (ברכות שם ד"ה אל) וואס שרייבן: "עיקר ברכות אחרונות צרכי צבור הם".

דער של"ה (מס' תמיד נר מצוה סא) און דער 'אליה רבה' (קכד י) שרייבן אז די ברכות 'רצה', 'שים שלום' און 'שלום רב' [וואס ווערט געזאגט ביי מעריב לויט נוסח אשכנז], זענען בקשות ותפילות, און וועגן דעם ביים ענטפערן אמן נאך זיי דארף מען אינזין האבן 'אמת' און 'יהי רצון'. און אזוי פסק'נט דער 'שלחן ערוך הרב' (שם ט). פון זייערע ווערטער זעהט אויס אז ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה 'מודים' וואס איז א שבח והודאה, דארף מען אינזין האבן נאר 'אמת', און אזוי שרייבט קלאר דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער ה פרק ד). אין 'סדר נהורא השלם' רעכנט ער אויס די כוונה פון אמן אויף די דריי ברכות: "עס איז אמת אז דו וועסט צוריק ברענגען דיין הייליגקייט קיין ירושלים, איך בעהט אז דו זאלסט עס צוריק ברענגען במהרה בימינו"; "עס איז אמת אז די אלע גוט'ס קומען פון דיין גרויסן נאמען און עס איז פאסיג צו לויבן נאר דיר"; "עס איז אמת אז דיין מדה איז צו בענטשן די אידן מיט שלום, יהי רצון אז דו זאלסט אונז שטענדיג בענטשן מיט דיין פרידן".

### ברכת כהנים

**נאך יעדע פסוק פון די פסוקים פון 'ברכת כהנים' דארף מען ענטפערן אמן מיט א באדייט פון 'יהי רצון'.**

מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט דער של"ה (מסכת תמיד אות ס). אבער זעה אין לבוש (או"ח קכז ב) וואס שרייבט אז אמן נאך ברכת כהנים איז א "לשון קיום ומחזיק שמאמין את הדבר שאומרים הכהנים". פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז מען דארף ענטפערן אמן נאך ברכת כהנים מיט די באדייט פון אמת, אזוי ווי מען האט אינזין ביים ענטפערן אמן נאך ברכות השבח. און זעה אין קובץ 'עץ חיים' (ח"ו עמ' רז) אז מען קען אפשר ערקלערן די כוונה פון לבוש, לויט וואס די קדמונים שרייבן אז ברכת כהנים איז א פעולה פון אראפברענגען שטענדיג די שפע, און נישט א בקשה.

דער מאירי (ברכות נה ב) צייכנט צו אז ווען מען ענטפערט אמן נאך ברכת כהנים איז די בעסטע צייט וואס דער ציבור האט שטארק אינזין, און אזוי שרייבט ער: "אויב איינער האט געזעהן א חלום און ווייסט נישט אויב עס איז געווען א גוטער חלום אדער נישט, און ער איז צוטומלט, זאל ער מכוון זיין די צייט וואס דער צבור האט די מערסטע אינזין, און דאס איז... ווען די כהנים דוכנ'ען און דער צבור ענטפערט נאך זיי אמן מיט גרויס כוונה...".

# רועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן

לכבוד די אנפירער און מנהלים פון דעם חשוב'ן ארגאניזאציע 'בני אמונים' וועלכע זענען מזכים את הרבים מיט זייער הארעוואניע צו מיטטיילן טויזנטער אידן איבער די מעלה און גרויסקייט פון ענטפערן אמן.

מיט געציילטע ווערטער וויל איך מחזק זיין און פארשטארקן ענקערע הענט אין ענקער געוואלדיגע ארבעט מיט דעם וואס איך האב געהערט און געזעהן ביי מיין טאטן מרן ה'קנה בשם' זיע"א, ווי ער פלעגט מקפיד זיין און שטענדיג זאגן הויעך די ברכות, אז אלע וואס זענען געשטאנען נעבן אים זאלן קענען ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, און ווען ער האט געזעהן אז עטליכע מענטשן שטייען אביסל ווייט פון אים, פלעגט ער אויפהויבן זיין שטימע העכער אז זיי זאלן אויך הערן און ענטפערן אמן אויף זיין ברכה.

מיין טאטע זצוק"ל פלעגט מחנך זיין די הויזגעזינד, צו זיין זייער פארזיכטיג און ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס זיי הערן. אויב ער האט באמערקט אז איינער פון די קינדער אדער אנוועזנדע איז פארנומען מיט זיינע געדאנקען און האט נישט געענטפערט הויעך, האט ער באלד געפרעגט: פארוואס הערט מען נישט קיין אמן? אין זיינע ווערטער זענען געווען צוויי באמערקונגען, ערשטנ'ס אז מען דארף ענטפערן אמן, און צווייטנ'ס אז מען דארף ענטפערן אמן הויך.

און אזוי איז געווען דרכו בקודש ווען ער האט געזאגט 'ברכות השחר' בביתו נאוה קודש, ער האט גערופן די שטוב מענטשן אין זיין צימער אריין, כדי זיי זאלן הערן ווי ער זאגט די ברכות, און ענטפערן נאך אים אמן. אין די בחי' פון וואס מ'זאגט ביי ברכת המזון "בברכה שלמה ונאמר אמן", זאגט אויף דעם הרה"ק בעל 'דברי ישראל' פון מאדזיץ זצ"ל: ווען איז א ברכה בשלמות? ווען מען ענטפערט נאך דעם אמן ('דברי ישראל' פרשת נח).

און כאטש אין יעדע זאך וואס ער געדארפט מעורר זיין און מוסר'ן, האט ער



הרב משה בראנדסדארפער
אב"ד היכל הוראה ירושלים

אלעס געטוהן געלאסן און געווארט אויף די פאסיגע צייט ווען ער זאל פון דעם רעדן, כדי זיינע ווערטער זאלן האבן א השפעה אויף די צוהערער, אבער אין דעם ענין פון ענטפערן אמן האט ער באלד מוסר געזאגט, ווייל עס האט אים צוגערירט טיף ביז צו די נשמה. און ער איז געווען געוואוינט צו מעורר זיין ווי מיר האבן אויבן דערמאנט אז ער פלעגט פרעגן "פארוואס הערט מען נישט קיין אמן".

עס איז געווען א פאל וואס א פרוי איז געקומען צו זיין הויז צוזאמען מיט איר זון, און אין יענע צייט האט מיין טאטע זצוק"ל געגעסן, האט מען איר געזאגט, זי זאל ווארטן אין דעם צימער וואו די שואלים פלעגן ווארטן ביז ער וועט פארענדיגן זיין סעודה. דערנאך וואס מיין טאטע זצוק"ל האט פארענדיגט די סעודה און געבענטשט, האט מען אים געזאגט, אז ס'איז דא א פרוי מיט איר זון וואס ווארטן שוין א לאנגע צייט. איז ער ארויס און האט געפרעגט די פרוי וואס זי וויל, האט זי געענטפערט אז איר בקשה איז שוין ערפילט געווארן. ווייל זי האט געוואוסט אז דער רב האלט יעצט אינמיטן די סעודה, האט זי געברענגט איר זון וואס שטייט א קורצע צייט בעפאר זיין בר-מצוה, ער זאל ענטפערן אמן אויפן רב'ס ברכות, און אויך הערן ווי אזוי מען דארף בענטשן הויעך.

וואונטש איך און ענטפערט אמן אויף אלע ברכות וואס מען וואונטש אייך



# אוצרות אמונים

## זאגן א ברכה בקול רם

דער ערשטער תנאי אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, איז ארויסזאגן די ברכה ריכטיג. ווען א מענטש זאגט הויעך און מורמלט נישט אפ די ברכה מיט א האלבן מויל, אויסער די פארדינסט פון דאס עצם זאגן די ברכה ווי עס דארף צו זיין, איז ער אויך מזכה אנדערע מיט די געוואלדיגע מצוה פון ענטפערן אמן. אין דעם קאפיטל וועלן מיר ברענגען א קייט פון ווערטער און פערל פון די גדולי הדורות וואס באלייכטן די מעלה פון זאגן א ברכה בקול רם.

### גזל'ט דער אמן

פון דער פסוק (תהילים קג א): "לדוד ברכי נפשי את ה' וכל קרבי [אינערליכע גלידער] את שם קדשו", לערנט ארויס רבי יהודה החסיד: "ווען ער ליבט הקב"ה דארף ער אים לויבן מיט א קול רם, ווייל בשעת'ן זאגן הויעך שאקלען זיך אלע אינערליכע גלידער" ('ספר חסידים' תתכ).

אויסער דער חיוב פון מיטטיילן די אינערליכע גלידער בשעת'ן זאגן די ברכה, לייגט צו רבי יהודה החסיד און ברענגט (שם רנד) נאך א סיבה פארוואס דער מענטש דארף זאגן א ברכה הויעך: ווען א מענטש זאגט שטיל א ברכה, איז נישט נאר אז ער האלט זיך אפ פון צו מזכה זיין די צוהערהער מיט ענטפערן אמן, נאר עס ליגט אין דעם ממש א עבירה, ווייל ער גזל'ט פון זיי די מצוה פון ענטפערן אמן (עס ווערט געברענגט אין 'ביאור הלכה' קלט ו).

### דער מעלה פון דער וואס זאגט ברכות הויעך אויפן קול

רבי יצחק מווינא ברענגט אין זיין ספר 'אור זרוע' (ח"ב שבת מב ו) א מורא'דיגע מעשה וואס לערנט אונז דעם גרויסן שכר פון דער וואס זאגט די ברכות הויעך:

"איך האב געקענט א איד פון ווארמייזא, וואס מ'האט אים גערופן ר' בונים, און ער איז געווען א עלטערער איד וואס איז געווען א קובר מתים. איך האב געהערט דערציילן אז איינמאל ווען ער איז געגאנגען פרי אין שוהל האט ער געזעהן ווי איינער זיצט פארן שוהל און אויף זיין קאפ טראגט ער א קרוין פון גראז וואס ווערט אנגערופן 'צפל' [א גראז מיט א ספעציעלן גוטן גערוך]. ער האט זיך דערשראקן, טראכטנדיג אפשר איז דער א שד. האט ער זיך געווענדן צו אים: 'דו ביזסט דען נישט דער וואס איז לעצטנ'ס נפטר געווארן און איך האב דיך באערדיגט?', האט יענער געענטפערט: 'יא'. האט ער אים געפרעגט: 'וואס איז מיט דיר אויף יענע וועלט?' האט ער געענטפערט: 'זייער גוט'. האט ער אים געפרעגט: 'וואספארא זכותים האסטו? דו ביזסט דאך געווען גאנץ א פשוטער איד?', האט ער געענטפערט: 'נאר אין דעם זכות וואס איך פלעג זאגן די ברכות מיט א איינגענעמע שטימע אין שוהל האב מען מיך געפירט צום גן עדן און איך באקום דארט כבוד! און איך וועל דיר געבן א צייכן אז איך בין דער וואס רעדט צו דיר, אז די ערמל פון מיין העמד איז צוריסן, ווייל בשעת'ן מיר אנטוהן די תכריכין האסטו עס צוריסן'. האט ער אים ווידער געפרעגט: 'וואס האסטו אויפן קאפ?', האט דער נפטר געענטפערט: 'דאס זענען גראז פון גן עדן וואס איך האב געלייגט אויף מיין קאפ איך זאל נישט פילן דעם שלעכטן גערוך פון דער וועלט'. איך שרייב אפ די געשעהניש, כדי אז א ירא שמים זאל דורך דעם ערוועקט ווערן צו זאגן דעם אויבערשטנ'ס שבחים הויעך און מיט כוונה און זוכה זיין צו גן עדן".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

ווי טייער איז אין מיינע אויגן ענקער ערליכער און שיינער גליון, וואס איז מעורר און מחזק מקפיד צו זיין אויף זייער א טייערע און דערהויבענע זאך, און אין דעם זענען אויך פאראן אסאך וואונדערליכע ווערטער וועגן דעם ריזיגן שכר וואס איז צוגעזאגט פאר די וואס זענען מקפיד אויף די מצוה.

עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן". פון זייערע ווערטער קומט אויס אז ענטפערן אמן איז דער שליסל צום גן עדן. און כאטש עס זעהט אויס א לייכטע מצוה, אבער די חכמים זאגן (אבות ב א): "הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות".

עס איז מיר איינגעפאלן א שיינער רמז וואס לערנט אונז דער שכר אין גן עדן פון דער וואס ענטפערט אמן. אין מסכת תענית (כה ב) ווערט געברענגט אז אין גן עדן זענען דא טייכן פון שמן אפרסמון ["משחא דאפרסמון"]. די ווארט 'אפרסמון' איז צוזאם געשטעלט פון די צוויי ווערטער 'פרס אמן', און אין דעם ליגט א רמז אויף די גרויסע שכר אין גן עדן, פאר דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן.

בברכה

**איתמר גינצבורג**

**בני ברק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערטער פונעם בעל הילולא



דער ציון פון 'מגלה עמוקות' אין די אלטע בית החיים אין קראקא

### דער 'מגלה עמוקות'

### י"ג אב שצ"ג

רבי נתן נטע שפירא איז געבוירן אין יאר שמ"ה צו זיין פאטער רבי שלמה. שוין אין זיין יוגנט איז זיין נאמען באקאנט געווען אלס א עילוי מיט אן אויסטערלישן זכרון, וואס קען כל התורה כולה.

שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון דער גביר רבי משה רבי יעקל'ס פון קראקא (דער ברודער פון רבי אייזיק רבי יעקל'ס), וואס האט אים צוגעשטעלט אלע זיינע געברויכן, און האט אויך געבויעט פאר אים א באזונדערע שוהל אין קראקא.

א געטליכע הייליגקייט האט ארומגענומען רבי נתן נטע שוין אין זיין יוגנט, און אין די הקדמה פון זיין זוהן רבי שלמה אויף זיין ספר 'מגלה עמוקות' שטייט אז ער האט זוכה געווען צו גילוי אליהו. אזוי באקאנט איז עס געווען, אז אזוי האט מען אויסגעקריצט אויף זיין מצבה: "פה נטמן איש אלוקי קדוש מן הקדמונים, מגלה עמוקות רזין ומטמונים, הוא שאומרים עליו שדבר אתו אליהו פנים אל פנים". אין יאר שע"ז האט ער אנגעהויבן צו דינען אין קראקא אלס א ראש ישיבה און א דרשן.

רבי נתן נטע האט מחבר געווען א באזונדערן חיבור וואו דארט זענען פאראן צוויי הונדערט מיט צוויי און פופציג אופנים צו טייטשן די ערשטע פסוקים אין 'פרשת ואתחנן' וואס שילדערן די תפילה פון משה ארייננגיין אין ארץ ישראל [עס איז א פלא, זיין יארצייט געפאלט אויס אין דער וואך וואס מען ליינט פרשת ואתחנן וואס ער האט זיך אזוי שטארק געפלאגט צו ערקלערן]. אזוי אויך האט ער מחבר געווען א ספר וואס טייטש אויס אויף טויזנט אופנים די אות 'אל"ף זעירא' וואס שטייט אנהויב ספר ויקרא, אבער מיר האבן נישט זוכה געווען צו דעם. אין לויף פון די יארן איז אויך געדרוקט געווארן זיין חיבור 'מגלה עמוקות' על התורה, און 'מגלה עמוקות' - א ברייטער ביאור אויפן רי"ף, ר"ן און נימוקי יוסף.

ער איז נפטר געווארן י"ג אב שצ"ג און איז באערדיגט אין די אלטע בית החיים אין קראקא.

### ענטפערן אמן ווארצלט איין אמונה

דער 'מגלה עמוקות' (פר' האזינו) שרייבט אז ענטפערן אמן ווארצלט איין די אמונה אין די הערצער: דער פסוק זאגט (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים". דרש'ענען די חכמים (זוהר וילך רפה ב, וראה שבת קיט ב): "אל תקרא אמונים [פון לשון אמונה] אלא אמנים [א לשון פון אמן]". די תורה האט געשריבן 'אמונים' און מיר ליינען 'אמנים' ווייל אמונה און אמן זענען איינס, "ווייל דער עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן". די 'אמונים' זענען אנגעהאנגען אין די 'אמנים'.

### ענטפערן אמן מאכט שטיל די מקטרגים

נאך שרייבט ער: דורך ענטפערן אמן ווערן שטיל אלע מקטרגים, און די זכות פון ענטפערן אמן איז בייגעשטאנען פאר יעקב אז דער שר פון עשו האט אים נישט געקענט שעדיגן ('מגלה עמוקות' וישלח, וישב אופן לב).